# תורת אביגדור

משיעורי ליל שישי של הגה"צ רבי אביגדור מיללער זצ"ל

פרשת וישב




## די תוצאות פון א שמייכל

**אין** דער וואכעדיגער סדרה, פירט אונז די תורה אריין אין די איבערלעבענישן פון יוסף הצדיק, דער נער עברי וואס איז פארגעסן געווארן אין א פינסטערע תפיסה. ווען פלוצלינג האט זיין מזל אויפגעשיינט און מ'האט אנגעפאנגען זען דעם אנפאנג פון דער ישועה.

דאס וואס יוסף האט געקענט באשיידן די חלומות פון שר המשקים און שר האופים, האט אים אריינגעפירט אין א וועלט פון באשיידן חלומות, וואס האט צום סוף צוגעברענגט זיין הצלחה. אין די קריטישע מינוטן, ווען פרעה איז געווען פארלוירן פון זיינע חלומות, האט מען אים געלאזט וויסן אז ס'איז פארהאן א נער עברי אין תפיסה וואס איז אן עקספערט אין דעם פעלד, און די הצלחה ביים פותר חלום זיין, האט צוגעברענגט צו יוסף'ס אויסלייזונג פון ענגשאפט צו באפרייאונג.

ווען מען קוקט נאך אין די פסוקים טרעפט מען, אז דערציילנדיג די איינצעלהייטן פון דער געשעעניש, איז פארהאן איבריגע ווערטער. און אזוי ווי מיר ווייסן אז אין דער תורה איז נישט פארהאן קיין איין איבריגע ווארט, דארף מען נאכקוקן פארוואס די תורה האט יעצט גענוצט מער ווערטער. "**ויבא אליהם יוסף בבקר וירא אותם והנם זועפים**," יוסף איז געקומען אינדערפרי צום שר האופים און שר המשקים, און ער האט געזען אז זיי זענען פאראומערט און צעבראכן. "**וישאל את סריסי פרעה... מדוע פניכם רעים היום**," און ער האט געפרעגט די שרים פון פרעה, "פארוואס זענט איר אזוי צובראכן היינט?"

**פארוואס** איז וויכטיג פאר די תורה הק' צו דערציילן, ווי יוסף האט באמערקט זייערע געפאלענע פנים'ער, ווי ער איז צוגעגאנגען צו זיי און זיי אויסגעפרעגט אויף זייער ווייטאג? איז דאס א וויכטיגע איינצלהייט ווי אזוי די באפרייאונג פון יוסף הצדיק איז צוגעגאנגען? וואס ס'איז וויכטיג פאר אונז צו וויסן, איז די טאלאנט פון יוסף צו קענען פותר חלום זיין וואס דאס האט צוגעברענגט צו זיין באפרייאונג. וואס פעלט אויס צו דערציילן ווי אזוי יוסף האט זיך אפגעגעבן מיט פרעה'ס שרים? די תורה דערציילט אונז דאך נישט די גאנצע שמועס וואס יוסף האט געהאט מיט די שרים, פארוואס פונקט דעם פרט האט די תורה געטראפן פאר וויכטיג צו מקדים זיין?

דער אמת איז, אז דאס וואס איז פארגעקומען אין די צוויי פסוקים וואס מיר האבן געברענגט,

איז געווען דער אנפאנג וואס האט צוגעברענגט צו דער קייט פון יוסף'ס אויסלייזונג. מיר לערנען דא, אז ס'איז נישט געווען בלויז די באשיידונג פונעם חלום וואס האט ארויסגענומען יוסף'ן פון תפיסה, נאר ס'האט זיך אנגעהויבן מיט א צייט פריער, ווען יוסף האט זיך אויפגעפירט אין תפיסה מיט פארשטענדעניש, ווי אזוי ער האט באמערקט ווער ס'איז נישט גוט אויפגעלייגט, דאס האט אים געראטעוועט און אריינגעברענגט צום פאלאץ פון פרעה. דאס איז דער נושא פונעם היינטיגן שיעור.

## ענדערש ווייסע ציינער ווי מילך

**די** גמרא אין כתובות (קי"א עמוד ב') ברענגט דעם פסוק פון פרשת ויחי: "**ולבן שנים מחלב**," און ווייסע ציינער פון מילך (בראשית מ"ט פסוק י"ב). די איינפאכע פשט פונעם פסוק איז, אז יעקב אבינו האט געבענטשט יהודה אז אין זיין נחלה אין ארץ ישראל וועט זיין אן איבערפלוס פון גראז צו פאשען די שאף, אז די קיען וועלן זיין אזוי געזונט ביז זיי וועלן ארויסגעבן אן איבערפלוס פון מילך וואס וועט ווייס מאכן די ציינער.

די גמרא שטעלט אויס די ווערטער, אז אנשטאט ליינען "ווייסע ציינער פון מילך" ליינט זיך: "ווייסע ציינער זענען בעסער ווי מילך." חז"ל זאגן אונז: "**טוב המלבין שיניים לחבירו יותר ממשקהו חלב**," ס'איז בעסער צו ווייזן ווייסע ציינער פאר א מענטש, ווי אים צו געבן מילך צו טרינקען. ווייזן ווייסע ציינער מיינט ווייזן א שמייכל פאר א צווייטן.

## מ'טיילט מילך, ווער וויל?

**שטעלט** אייך פאר, אז איר גייט ארויס איין אינדערפרי קויפן א קעסטל J&J מילך און איר שלעפט דעם שווערן לאסט צום הויפט גאס וואו איר שטעלט זיך אוועק און ווער ס'גייט פארביי דערלאנגט איר א שָאל מילך, "דא האט איר מיין פריינט, טרינקט און דערקאפט אייך דאס הארץ!" טראכט אריין וואספארא בעל חסד איר זענט! ווען מען נעמט אין חשבון אז מילך איז נישט קיין ביליגע פראדוקט, און נאכדערצו ווען מען רעדט פון כשר'ע מילך. ס'איז נישט קיין גרינגע אונטערנעמונג דאס צו באצאלן און דערנאך שלעפן די שווערע קעסטלעך מילך צום הויפט גאס, שטיין אין די היצן און אין די קעלטן צו טיילן מילך פאר'ן עולם.

איר זענט א נדבן נישט נאר פאר די מילך זעלבסט וואס איר טיילט אויס, נאר אויך פאר די געזונטע אייגנשאפטן מיט וואס מילך איז באשאנקען. מילך שטעלט צו פאר'ן מענטש אסאך וויכטיגע וויטאמינען און מינעראלן פון די קאלציום וואס שטארקט דיביינער און ציינער ביז פוטעסיום. מילך רעגולירט די בלוט דרוק, ס'איז א פולער פראטעין, א קרעפטיגער באשטאנדטייל וואס געבט כח. איר דארפט מער פון דעם? מילך געבט דעם גאנצן קערפער א באנייאונג.

ווען איר גיסט אריין דעם גלאז מילך פאר יענעם איד וואס איר האט אנגעטראפן אין גאס, גייט דאס אריין אין זיין בלוט און ביינער, דאס שטארקט אים און געבט אים כח פאר'ן גאנצן טאג. דורכאויס יענעם טאג וועט דער איד אנגיין מיט זיין עבודת הקודש אויף די כוחות וואס ער ציט פון די מילך וואס איר האט אים דערלאנגט. איר מאכט אים געזונט, אויפגעלייגט און פרייליך. מ'רעדט נישט פון א מענטש וואס האט נארוואס געענדיגט א ברייטע מאלצייט און די איינציגסטע זאך וואס אינטערעסירט אים יעצט נאך זיין איבערפלוס פון עסן, איז די באצוקערטע נאכשפייז. אמאל איז נישט געווען אזעלכע מושגים. מען רעדט פון מענטשן

וואס דרייען זיך מיט א ליידיגן מאגן וואס ווארט צו ווערן אנגעפולט מיט עפעס קרעפטיג. איר קענט זיך פארשטעלן וואס א גלאז מילך קען טון פאר אזא מענטש? ס'שטעלט אים ממש אויף די פיס. און ווער רעדט נאך טאמער דער מענטש איז א בן תורה? וועט ער דעם טאג בעסער קענען פארשטיין די סוגיא אין דער גמרא. און אויב ער איז אויפ'ן וועג צו דער ארבעט, וועט אים די שאל מילך העלפן ברענגען זיין פרנסה. א גלאז מילך קען ממש ראטעווען דאס לעבן. ס'קען מאכן זיין טאג!

אויב געבן מילך פאר איין מענטש איז אזא גרויסע זכות, ווער קען אפשאצן די גרויסע זכותים ווען מען געבט מילך אויף א גרויסן פארנעם? אויף דער וועלט עסט מען די שכר און אויף יענע וועלט וועט מען שלעפן קעסטלעך פון מילך און עס צורעכענען צו אייער קרעדיט. אלעס נאר ווייל איר האט געטיילט מילך אויפ'ן גאס.

## א געזונטן שמייכל

**די** גמרא זאגט אונז אז אויסטיילן מילך פאר מענטשן איז זייער א גרויסע זאך, אבער ס'איז דא עפעס מער קוואליטעטפול פון דעם: טיילן שמייכלעך פאר מענטשן. אויב איר שטעלט זיך אוועק ביים הויפט גאס און איר געבט א פריינטליך שמייכל פאר די פארבייגייער, איז עס בעסער פאר זיי און פאר זייער געזונט ווי א גלאז מילך וואס גייט אריין אין זייער מאגן. איר געבט פאר א מענטש עפעס וואס גייט אריין אין זיין מח, אין זיין נשמה, אין זיינע נערוון און דער מענטש ווערט באנייט, אויפגעפרישט. דאס איז דער גרויסער דערגרייכונג פון א שמייכל.

א שמייכל פון מיטגעפיל קען געבן פאר א מענטש א גענצליך נייע בליק אויף זיין לעבן. מען קען זיך בכלל נישט פארשטעלן וואס א שמייכל קען טון צו א מענטש. זיין גאנצע וועלט ווערט באלויכטן מיט זון שטראלן. די חשוב'ע ליינער וועלן מיינען אז איך טרייב איבער מיט פאנטאזיעס. אבער אויב איר לעבט שוין גענוג לאנג, קענט איר זיכער צוריקקוקן צו אייער לעבן און זיך דערמאנען ווען א שמייכל האט אייך צוריקגעדרייט דאס רעדל אין פלאץ. איר קענט זיך פארשטעלן וויפיל חיזוק מען באקומט פאר א שמייכל? מילך גייט אריין אין גוף פון מענטש און א שמייכל גיין אריין אין זיין וועזן. דער גייסטישן חלק פון מענטש איז וויכטיגער ווי זיין פיזישן חלק ווייל דער גייסטישן חלק האט אן השפעה אויפ'ן פיזישן חלק. קומט אויס אז א שמייכל הייבט א מענטש מער ווי א גלאז מילך. ס'מאכט זיין לעבן און ס'קען אים ממש ראטעווען זיין לעבן!

## וואס איז געווען די שלשלת פון יוסף הצדיק'ס באפרייאונג?

**יוסף** הצדיק האט דאס אלעס געוואוסט. ער האט פארשטאנען אז מיט'ן ווייזן אינטערעס אין א מענטש, הייבט אים דאס פאר'ן גאנצן טאג. מילך גייט אריין אין מאגן און אין דיביינער, און אן אויסדרוק פון אינטערעסע און מיטגעפיל פאר יענעם, גייט אריין ביז די טיפענישן פון זיין נשמה. ס'איז ווי א שיינענדער בליץ אין א פארוואלקנטן טאג. ס'מאכט דעם מענטש שפירן ווי ער איז אויפ'ן שפיץ פון דער וועלט!

ווען יוסף האט געזען אז איינער זעט אויס פארכמורעט, איז ער שטענדיג געווען דער ערשטער צו ווייזן מיטגעפיל פאר יענעם. און דאס איז געווען די זאך וואס יוסף האט געטון יענעם אינדערפרי אין תפיסה. "ויבא אליהם יוסף בבקר" - די ערשטע זאך אינדערפרי האט ער זיי נישט געשאנקען א גלאז מילך, טראץ דעם וואס די ארעסטאנטן האבן ווארשיינליך

געהונגערט, ער האט זיי געשאנקען א שמייכל, געוויזן אינטערעסע איז זייערע געשעפטן. זיין קאפ איז נישט געווען פארנומען מיט זיינע אייגענע געשעפטן. "**וישאל... מדוע פניכם רעים היום**," - "מיינע פריינט, וואס באדערט אייך?" האט ער זיי געפרעגט.

ס'איז געווען יוסף'ס מיטגעפיל צו אנדערע, וואס האט צוגעברענגט צו זיין אויסלייזונג. צו פותר חלום זיין איז נאר געווען אן אופן ווי אזוי השי"ת האט צוגעברענגט צו דער ישועה, אבער דאס איז נישט געווען די סיבה פארוואס יוסף איז אויסגעלייזט געווארן. ס'איז געווען די אויפפירונג, ווי אזוי ער איז זיך באגאנגען מיט אנדערע מענטשן ארום אים, וואס האט צוגעברענגט צו זיין גרויסקייט. און אין זכות פון זיין גרויסקייט, האט דער אויבערשטער אויסגעוועלט יוסף'ן א גרעסערע חשיבות.

מיר רעדן נישט נאר פון יוסף'ס פערזענליכן באפרייאונג, נאר די גאנצע צוקונפט פון כלל ישראל האט זיך געוואנדן אין יענעם אינדערפרי ווען יוסף איז אנטקעגן געקומען זיינע קאלעגעס אין תפיסה. דאס אראפקומען פון יעקב אבינו מיט זיינע קינדער, דאס אויפבלי פון כלל ישראל און זייער וואקסן, ווי אויך די שפעטערדיגע גאולה פונעם הייליגן פאלק, איז געקומען אלס רעזולטאט פון יוסף'ס ווייכע ווערטער.

אוודאי וואלט כביכול'ס פלענער פונעם עם ישראל צושטאנד געקומען אזוי אויך, השי"ת דארף נישט א געוויסער מענטש כדי אויסצופירן זיינע פלענער, "**רווח והצלחה יעמוד ליהודים ממקום אחר**". דער אויבערשטער וואלט פונקט אזוי געקענט נעמען יהודה צו זיין דער פירער פון מצרים, ער וואלט געווען פונקט אזא גוטער קאנדידאט צו זיין דער משנה למלך פון מצרים און טון פונקט אזא גוטע ארבעט, לא יסור שבט מיהודה. און דער אויבערשטער וואלט אויך געטראפן א ריכטיגע וועג ווי אזוי צו געבן פאר יהודה דעם פאסטן.

קומט אויס אז דאס אראפקומען פון בני ישראל קיין מצרים, דער געבורט און אנטוויקלונג פונעם עם ישראל און די שפעטערדיגע אויסלייזונג, וואלט זיכער צושטאנד געקומען אפילו אויב יוסף וואלט יענעם צופרי אריבערגעגאנגען דעם שר האופים און שר המשקים מיט א גלייכגילטיגע געזיכט און זיך נישט וויסנדיג געמאכט פון זייער צרה. אבער דער אויבערשטער אנטפלעקט אונז די גרויסקייט פון יוסף'ס מעשים דורך צולייגן זיין באפרייאונג און דערנאך זיין ווערן משנה למלך און די גאולה פון עם ישראל, צו די אויפפירונג פון יוסף צווישן די מענטשהייט. דער אויבערשטער האט אים געמאכט גרויס צוליב זיין גרויסקייט וואס ער האט דערגרייכט דורכ'ן מאכן אנדערע פרייליך. די גרויסקייט פון "המלבין שיניים לחבירו".

## סבר פנים יפות - יעדעס ווארט באזונדער

**באגריסן** מענטשן איז א זאך וואס מיר טוען נאכאנאנד, דערפאר איז אונזער פליכט צו מאכן זיכער אז מיר טוען עס ריכטיג. "הוי מקבל את כל האדם בסבר פנים יפות". וואס מיינט וויל די משנה זאגן דערמיט? נאר אנצופילן די ליידיגע שורות? אדער אייך האלטן פארנומען אינעם שבת נאכמיטאג? ניין. די משנה זאגט אונז אונזער פליכט, ס'איז א מצוה. ווען מען לייענט פארזיכטיג די ווערטער וועט עס אונז באזארגן מיט אנווייזונגען און דעטאלן ווי אזוי צו טון די מצוה בשלימות.

**פנים** ערשטנס די 'פנים', מען דארף יעדן באגריסן מיט'ן פנים. אויב איר גייט

איינעם פארביי ווייזט אים אייער פנים. ווען איר קומט אריין אין שטוב און איר טרעפט אייער בני בית שטייט איינגעבויגן איבער'ן טאפ ווייזט איר אייער פנים. ווייזט נישט אייער רוקן אדער אויער. אז איר קומט אריין אין אפיס, דרייט נישט אויס אייער פנים צו גיין צו אייערע געשעפטן, נאר ווייזט אייער פנים פאר די וואס זענען דארט דערביי.

**סבר** **דאס** ווארט 'סבר' קומט פון די ווארט 'סברא' וואס מיינט טראכטן. סבר קומט מרמז זיין צום אויסדרוק אויף אייער פנים. אויב מען ווייזט נאר א פנים, איז דאס נישט גענוג. מען דארף ווייזן א פנים פון אינטערעס. א בלעכענע פנים איז ווי א טאפ. אויב איר גייט פארביי איינעם מיט א פארשטיינערטע פנים, איז אזוי ווי איר וואלט אים אויפגעהויבן דער אונטערשטער חלק פונעם טאפ. אנשטאט אים צו ווייזן אייער פנים אויסדריקן, ווייזט איר אים א טאפ! מען דארף ווייזן פאר'ן מענטש אז איר טראכט פון אים, איר זענט אינטערעסירט אין זיין לעבן. ס'איז נישט שווער, די משנה הייסט נישט טון איבערגעטריבענע זאכן!

**יפות** **יפות** מיינט שיין. אייער אויסדריק זאל זיין אנגענעם און שיין. ס'זאל ווייזן אינטערעס און מיטגעפיל. א שמייכל! וואס קען זיין מער אנגענעם פאר א מענטש ווי א ווארעמער שמייכל? ווען איר קוקט אויף איינעם מיט אן אנגענעמע פנים, איז דאס די בעסטע קאמפלימענט פאר אים. עס ווייזט אים אז איר זענט אינטערעסירט אין אים. עס ווייזט אים אז ער מיינט עפעס פאר אייך. איר דארפט נישט ווארטן אויף איינעם מיט אן איינגעפאלענעם געזיכט אז די וואונדער פון אייער שמייכל זאל ארבעטן. יעדער מענטש, אין סיי וועלכן מצב, קען פארדינען פון א שמייכל און גוט ווארט. אפילו איינער וואס האט שוין אלעס, קען אויך ווערן מער דערהויבן פון א שמייכל.

אצינד, אויב איר זעט א שכן קומט אייך אנטקעגן, כאפט די געלעגנהייט. געדענקט די דריי זאכן פון דער משנה: **פנים** - ווייזט אים אייער פנים; **סבר** - ווייזט אים אן אויסדריק פון פארשטענדעניש און מיטגעפיל; און **יפות** - געבט אים א ברייטן שמייכל. א שיינער באגריסונג קען נישט שאטן נאר צוגעבן צו זיין לעבן. דערנאך מעגט איר אריינווארפן א גוט ווארט אדער צוויי. גלייבט מיר אויפ'ן ערן ווארט, ער וועט עס נישט אפווארפן, ער וועט זיך נאר שפירן וויכטיג... דאס אלעס. אויב איר האט עס געטון, איז דאס געווען אייער קרבן פאר דעם טאג!

די קונטרס ווערט צושפרייט אין וויליאמסבורג כעת אין
עטליכע גרעסערע שוהל'ן, אויב איר ווילט מזכה זיין נאך
אידן רופט: 845-213-7571

**ליינט די גליון יעדע**
**וואך אין די קונטרס**
**"גליונות לשב"ק",**



# איר ווילט אוודאי ארייננגיסן חיות אין הינדערטער מענטשען

מיט אפאר דאללאר

# רופט ארייין צו אויסקלויבן אייער וואך

## רופט: 845-213-7571

אויב איר ווילט ארויסהעלפען עס זאל ווערן פאשפרייט און אייער
בית מדרש / געגענט / שטאט רופט די אויבן דערמאנטע נאמבער


# נדבת השבוע

פ׳ וישב נתנדב ע״י

לע״נ חיים אברהם יצחק בן יחיאל

ולע״נ פיגא נעכא ב״ר ישראל

ולרפואת יוסף דוב בער בן פיגא נעכא

# חנוכה ליכט א עדות לכל באי עולם שהשכינה שורה בישראל

## שאלה:

### וואס איז א פראקטישע לעקציע וואס מען קען זיך לערנען פון דעם יום טוב חנוכה?

## תשובה:

**איך** וועל אייך דא אנטפלעקן א וויכטיגע יסוד אין לעבן. מיר זאגן צו השי"ת וועגן די חשמונאים: "דו אויבערשטער, "**דנת את דינם רבת**...", וואס האט זיך געקריגט מיט די יוונים; דו האסט אויסגערעכנט זייער שלאכט; דו האסט געפירט זייער קריג."

**פרעגט** זיך א שאלה: ס'איז נישט געווען זייער אייגענע קריג, ס'איז נישט געווען די מלחמה פון עם ישראל וואס זי האבן געדארפט קריגן, נאר ס'איז געווען די קריג פונעם אויבערשטן. ווייל די יוונים זענען נישט געקומען צו די אידן זיי צו הרג'ענען, נאר זיי האבן געוואלט אז די אידן זאלן אויפהערן צו היטן די תורה און נישט מער. אויב די אידן וואלטן מסכים געווען זיך אויפצופירן ווי די יוונים וואלטן זיי קיינעם נישט געטשעפעט. קומט אויס אז די אידן האבן זיך נישט געקריגט פאר זייער זיכערהייט, נאר זיי האבן זיך געקריגט פאר תורת השם. די קריג איז געווען פאר כבוד שמים, פאר'ן אויבערשטנ'ס וועגן. דערפאר איז נישט געווען "רבת את **ריבם**" נאר ס'איז געווען אין א בחינה פון "רבת את **ריבך**", השי"ת דו האסט געקריגט דיין אייגענע קריג. אבער מיר זאגן נישט אזוי; נאר מיר זאגן רבת את ריבם" דו האסט געקריגט **זייער** קריג.

**ווייל** די חשמונאים האבן ערפילט די משנה: "**עשה רצונו כרצונך**,"(אבות ב' ד') מאך דעם ווילן פונעם אויבערשטן דיין ווילן. דאס וואס השי"ת האט געוואלט, פונקט צו דעם האבן זיי געשטרעבט. זיי האבן זיך נישט געקריגט פאר השי"ת, נאר פאר זייער אייגענע רצון וואס איז געווען השי"ת'ס רצון.

**אט** דאס איז גאר א גרויסער דערגרייכונג, צו שפירן אז מיר היטן די תורה ווייל רצון השם איז אונזער רצון. נישט נאר ווייל מיר טוען וואס דער אויבערשטער וויל, נאר ווייל דאס איז אויך וואס מיר ווילן. "כי הם חיינו" די תורה איז אונזער לעבן, און מיר ווען אפפערן אונזער לעבן פאר איר.

**זעען** מיר דערפון, אז טראץ דעם וואס די חשמונאים האבן זיך געקריגט פאר כבוד שמים, האבן זיי אין דער זעלבער צייט זיך געקריגט פאר זייער רצון. דערפאר איז נישט געווען **רבים ביד מעטים** נאר ס'איז געווען **רשעים ביד צדיקים**. ס'איז וויכטיג צו באמערקן דער קידוש השם ווען די צדיקים האבן געוואונען. ס'איז געווען א גרויסער קידוש השם. ס'שטייט: "**עשית שם גדול בעולמך**", ווען צדיקים קריגן דעם קריג פון רבוש"ע, ווען זיי זענען וויליג צו אפפערן זייער לעבן פאר'ן אויבערשטן, דאס מאכט דעם באשעפער'ס נאמען גרויס אויף דער וועלט.

**על ידי כהניך הקדושים**, דער נס איז געקומען דורך די הענט פון די הייליגע כהנים. פונקט די כהנים זאלן פירן די מלחמה?! כהנים זענען עובדי השם, וואספארא געשעפטן האבן זיי מיט מלחמות? אבער די דאזיגע כהנים זענען ארויסגעגאנגען מיט חרב וחנית, שווערדן און מעסערס, און זיי האבן געהאלטן א מלחמה, א מלחמה פאר'ן אויבערשטנ'ס כבוד.

**דערפאר** זאגט דער אויבערשטער: "דאס איז א קידוש השם!" און די חנוכה ליכט זענען עדות לכל באי עולם שהשכינה שורה בישראל, עדות צו דער גאנצער וועלט, אז דער אויבערשטער רוט צווישן עם ישראל און פארוואס? ווייל נאר די אידן לעבן א לעבן פאר הקב"ה, זיי לעבן פאר די שכינה הק'. זייער גאנצע ציל אין לעבן איז נאר כבוד שמים, צו באשיינען דעם אויבערשטנ'ס נאמען!

**דאס** איז די גרויסקייט פון חנוכה. עס לערנט אונז אז אונזער פאלק איז איבערגעגעבן צו כבוד שמים, מער ווי צו אלע אנדערע זאכן פון דער וועלט וואס מיר וואלטן געגלוסט צו טון, און מער ווי צו אונזער אייגענע לעבן. מיר לעבן פאר'ן אויבערשטן!

**שאלות און תשובות**
מיט
**ר' אביגדור מיללער זצ"ל**

בקשה שלא לעיין בשעת התפלה

מהדורת אחת שאלתי
כל הזכיות שמורות